# לאדזער טאגעבלאט

ד״ר רעדאקטאר יעמט-אָן פון 6 ביז 7 אין אָװענד.
נישט פעטעמפּלטע מאנוסקריפּטען װערען נישט צוריקגעשיקט

## ...יסטענד און נישט קלוג

קערען אײנפּלוס פונ׳ם געגנער. לאזט מען זיך נישט אראפּ נודריגער. די פּאָ־ליציי איז בלי ספק א גאנץ געעהרטע אינסטיטוציע. זי האט אָבער איר נעסט נישט געבויט אויף די סאמע שפּיצען.

ובכן? אָט, פּשוט: דער רעגירונגס־לאגער האט פון אלע מעגליכע אופנים פון רעאגירען אויפ׳ן קראקאװער קאנג־רעס, אויסגעװעהלט דעם אומגליקליכ־סטען.

און עס איז דאך למשל געװען אזא מעגליכקייט: אנערקענען דאס און װאס דער קאנגרעס איז געװען גערעכט, אנהויבען א נײע ערא. א נאטירליכע צו־זאמענארבייט פון בײדע מלוכה־מאכ־טען, פון סײם און דער רעגירונג. פאר־האן דאך אויך דער װעלט אזא מיטעל אפּצוטױשען דעם שונא: מען נעהמט בײ אוהם צו די בארע פון דער מאשין, מען נעהמט איהם פשוט צו די סיבה צו בעקלאגען זיך. דאן קאן מען באלד דערזעהען, װאס איז די דאזיגע טענות איז ריכטיג און װאס נישט. און אונזער פאל װאלט מען למשל דערזעהן, אז דאס בעקלאגען זיך איז ריכטיג נאר בלױז אויף דער רעגירונג, אָבער נישט אויפ׳ן פּרעזידענט, װעלכען די קאנסטי־טוציע און יעדער געזונדער בר־דעת האט בעפרייט פון פערענטװארטליכ־קייט. דער בײשפּיל פון מילעראנ׳ען, װעלכען מ׳האט גערופען צו רעזיגנאציע, הינקט א שעהן ביסעל אונטער. דארט איז עס װירקליך געגאנגען און א פּאר־טייאישען פּאליטיקער, װאס האט אפילו בעת דער פּרעזידענטור געמאכט זײן פּארטיי־פּאליטיק...

## װאוקס פון דער יודישער קאאפּעראטיװער בעװע־גונג אין פּױלען

לעמבערג (יטא) די טעג איז דא פּארגעקומען א זיצונג פון ראט און פון פער־װאלטונג פון אלגעמײנעם יודישען קאאָ־פּעראטיװען פערבאנד. דער פּרעזעס פון פערבאנד דעפּ. ד״ר ה. ראזמארין האט געהאלטען אַן אויספיהרליכען רעפעראט װעגען דער אינטערנער קאאָפּעראטיװער לאגע אין לאנד...

...אויף דער זעלבער זיצונג זענען בעשטע־טיגט געװארען העכער 20 נײע קאאָפּע־ראטיװע געזעלשאפטען אלס מיטגלי־דער פון פערבאנד.

### אין ירושלים פּעהלט װאסער.

ירושלים. (יטא) צוליב׳ן מאנגעל פון װאסער װערט אויצט, אנשטאט יעדע 24 שעה, צוגעשטעלט די ירושלים׳ער אײנװאױנער װאסער יעדע 48 שעה.

—=0§0=—

# דעפּ. ראזמארין אין דער פּױלישער דעלעגאציע

## אויפ׳ן 26-טען קאנגרעס פון דער אינטערפּארלאמענטארישער אוניע.

### װער װעט געװעהלט װערען אויפ׳ן אָרט פון פערשטארבענעם ד״ר רייך.

גענף. (יא) פון 16. ביז׳ן 22. יולי 1930 װעט פּארקומען, װי בעקאנט, אין לאנדאן דער 26-טער קאנגרעס פון דער אינטערפּארלאמענטארישער אוניע...

...אויף א פּרעסע אויפנאהמע, װעלכע איז פּארגעקומען בײ ד״ר לאנגע האט ער אויף א פראגע פון יט״א פּארשטע־הער געזאגט, אז אויפ׳ן אָרט פון פער־שטארבענעם ד״ר רייך איז נאך דער־... זיך געפינען ד״ר ראזמארין.

—=0§0=—

# שאפט ארבייט פאר די אביטור־יענטען פונ׳ם יודישן טעכניקום!

## צו די יוד. געזעלשאפטליכע טוער און ראטמענער פון די שטאט־ראטען און קהלות

ד. געזעלשאפט „ארט" געשאפען א רײ־הע האך־שולען, א בכבוד׳ינען ארט צװי־שען זײ פערנעמט דער װילנער יודישער טעכניקום, די אײנציגע אין פּױלען יו־דישע מיטעל־טעכנישע שולע.

דער װילנער טעכניקום בײ „ארט" האט זיך געשטעלט פאר א ציל צו גע־בען די שילער א טעכנישע אויסבילדונג, צו דערפיהרען זײ דערבײ צו אזא מדרגה, אז זײ זאלען קאנען זעלבסט־שטענדיג ארבײטען און פאבריקען...

...„ארט", אויפזיכטס־ראט פון װ. יוד. טעכניקום, פּראגראמישער ראט פון װ. יוד. טעכניקום.

די גאנצע קארעספאנדענץ בעטען מיר צו אדרעסירען:

Technikum Wileńskie Wilno, Gdańska 3. dla Koła abiturjentów

# רוסלאנד װאקסט אינדוסטריעל

## אבער עס װאקסט אויך דער דוחק אין פּראדוקטען

### די „אטשערעדן" אויף ארטיקלען פאר׳ן טאג־טעגליכען געברויך.—די רעגירונג האפּט אויף א געדעטעניש.

(א בריף פון מאסקװע) — פון ב. סמאלאר

װען מען פּארט אװעק פון מאסקװע אויף א פּינף זעקס װאכען און מען קומט נאכדעם צוריק, זעהט מען ערשט דאן, װי מאסקװע װאקסט...

(ענדע זײט 6)

...ד״ר יהושע מהאי.

# א טשעקאװע מעשה מיט 2 גראשן...

מען װונדערט אנגעשריבען א מגילה און מ׳האט די 2 גראשען צװאמען מיט די בירא־קראטישע...

# ראובן ברײנינס נײע נסיעה קײן רוסלאנד

## װאס שרײבט װעגען דעם דער קאמוניסטישער „אקטיאבר"

